# גליון בת עין

דבר השווה לכל נפש

אידיש

גליון עה • שנה ב

פרשת ויחי

תשפ"ה


## פאראווארט

הרה"ק ר' אברהם חיים הורוויץ מפלאנטש זצ"ל (א זון פון הרה"ק ר' משה מראזוואדוב) איז אמאל געווען אין די שטאט מעליץ און ווען ער איז אוועקגעפארן איז אים א גרויסער עולם געגאנגען באגלייטן און אים אפגעבן גרויס כבוד, האט ער זיך אנגערופן חז"ל זאגן דאך 'הבורח מן הכבוד הכבוד רודף אחריו' און ווען איך זעה די גרויסע כבוד וואס מען גיט מיר וואונדער איך מיר בין איך דען א בורח מן הכבוד אז די כבוד זאל מיר נאכלויפן?

נאר פשט דערפון איז: חז"ל זאגן הכבוד רודף 'אחריו' דאס מיינט פאר די קומענדיגע דורות, פאר זיינע קינדער און אייניקלעך וואס באקומען די כבוד וואס איז זיך געקומען פאר זייער טאטען. און אזוי ווי מיין טאטע איז געווען א בורח מן הכבוד דערפאר באקום איך זיין כבוד. אזוי האט ער געענדיגט מיט זיין גרויסע עניוות.

אין די קומענדיגע תורה גייען מיר זעהן ווי דער בת עין איז אונז מסביר אז 'חושך' מוז זיין פאר די 'אור' און דאס גייט אן ביי יעדע עבודה, וואס דאס איז א די זעלבע געדאנק ווי חז"ל זאגן ראונז 'וסוף הכבוד לבוא' אפילו ווען אנפאנג איז זייער שווער איז אבער הכבוד רודף אחריו און די אור און ליכטיגקייט וועט איין טאג אויפשיינען. ווי דער בת עין ענדיגט צו עַד אֲשֶׁר יְרַחֵם ד' עָלֵינוּ וְיַמְשִׁיךְ לָנוּ שֶׁפַע וְאוֹר הַקְּדוּשָּׁה מִלְּמַעְלָה וְיָבֹא מְשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן סֶלָה.

## פָּרָשַׁת וַיְחִי

## תוכן הדרוש

[א]

לשון הפסוק עם פירוש רש"י. / דריי דיוקים אין די ווערטער פון רש"י. / די עיקר בחינת דעת איז צו מאכן שיינען אוֹר בְּתוֹךְ הַחוֹשֶׁךְ.

[ב]

די עיקר בחינת דעת איז צו מאכן שיינען אוֹר בְּתוֹךְ הַחוֹשֶׁךְ. / די עצה פאר הַמְתָּקַת הַגְּבוּרוֹת. / בריאת העולם איז געווען וועגן די בחינת דַּעַת. / די גאולה ווענדט זיך אין די בחינת דַּעַת - פשט אין די פסוק הן גאלתי אתכם אחרית כראשית.

[ג]

די רצון פון יעקב אז ס'זאל זיין א שטענדיגע אוֹר. / די כוונה פון יעקב מיט זאגן 'אֵת אֲשֶׁר יִקְרָא אֶתְכֶם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים'. / יעקב האט געזעהן אז ס'מוז זיין חוֹשֶׁךְ פאר בחינת אוֹר - פשט אין פסוק 'הִקָּבְצוּ וְשִׁמְעוּ בְּנֵי יַעֲקֹב'.

[ג]

די גרויסע אוֹר וואס יעקב האט ממשיך געווען – די תירוץ אויף די ערשטע קשיא. / פשט אין פסוק 'וַיֵּשֶׁב יִשְׂרָאֵל בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן'. / די המשך פון די פסוק 'וַיֵּאָחֲזוּ בָהּ וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד'. / די סְתוּמָה פון פרשת ויחי ווייזט אויף די גרויסע אוֹר וואס איז נמשך געווארן – די ענטפער אויף די צווייטע קשיא. / די הסבר וואס מיינט רש"י צו מסביר מיט די דָּבָר אַחֵר – די תירוץ אויף די דריטע קשיא.

[א]

### לשון הפסוק עם פירוש רש"י

**הֵאָסְפוּ וְהַגִּידָה וְגוֹ'**[א]. [און יעקב האט גערופן זיינע קינדער און געזאגט] זאמלט אייך איין און איך וועל אייך זאגן דאס וואס עס וועט געשעהן אין אין די ענדע פון די טעג.

> הֵאָסְפוּ וְאַגִּידָה וְגוֹ'.
> פֵּירֵשׁ רַשִׁ"י שֶׁבִּיקֵּשׁ לְגַלּוֹת אֶת הַקֵּץ וְכוּ'.

**פֵּירֵשׁ רַשִׁ"י שֶׁבִּיקֵּשׁ לְגַלּוֹת אֶת הַקֵּץ וְכוּ'**[ב] רש"י טייטשט דארט אויפן פסוק

---

א. די לשון הפסוק איז: **וַיִּקְרָא יַעֲקֹב אֶל בָּנָיו וַיֹּאמֶר הֵאָסְפוּ וְאַגִּידָה לָכֶם אֵת אֲשֶׁר יִקְרָא אֶתְכֶם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים.**

ב. אין רש"י שטייט: **למה פרשה זו סתומה** [פארוואס איז די פרשה 'סתומה' (פארמאכט) מיט פרשת ויגש], **לפי שכיון שנפטר יעקב אבינו נסתמו עיניהם ולבם של ישראל מצרת השעבוד שהתחילו לשעבדם** [ווייל וויבאלד יעקב אבינו איז נפטר געווארן איז פארמאכט געווארן די אויגן און די הארץ פון די יודן צוליב די צרה פון

אז יעקב האט געוואלט אנטפלעקן די ענד פון די גלות [נאר די שכינה האט זיך אפגעטאהן פון אים].

## דריי דיוקים אין די ווערטער פון רש"י

(א) **הִנֵּה לְהָבִין זֶה עַל דֶּרֶךְ הַמּוּסָר** צו פארשטיין די ווערטער פון רש"י  אויף א וועג פון מוסר.

(ב) **גַּם לְהָבִין עִנְיַן הַסְּתִימָה שֶׁפֵּירֵשׁ רַשִׁ"י בִּתְחִילַּת הַסִּדְרָה שֶׁהִיא עַל שֶׁבִּיקֵּשׁ יַעֲקֹב לְגַלּוֹת אֶת הַקֵּץ וְנִסְתַּם מִמֶּנּוּ** אויך דארף מען פארשטיין וואס רש"י שרייבט אנפאנג די פרשה אז די פרשה האט א סְתוּמָה (ס'איז איין המשך מיט פרשת ויגש) ווייל יעקב האט געוואלט אויסזאגן די 'קץ' ווען עס וועט זיין די גאולה און עס איז פארהוילן געווארן פון אים, **וּבַעֲבוּר זֹאת נִכְתְּבָה פָּרָשָׁה זוֹ סְתוּמָה כּוּ'** און דערפאר איז די פרשה געשריבן געווארן מיט א סְתוּמָה (פארמאכט) צו מרמז זיין אז ס'איז געווען א סְתוּמָה פאר יעקב אבינו.

**וְיֵשׁ לְהָבִין כָּל זֶה הַאֵיךְ מְרַמֵּז עִנְיַן הַסְּתִימָה שֶׁבַּתּוֹרָה עַל בְּחִינַת סְתִימַת עֵיינִין** און מען דארף דאס אלעס פארשטיין ווי אזוי איז מרמז די זאך פון א סְתוּמָה אין די תורה אויף די בחינה פון 'פארמאכט די אויגן'.

**אַדְרַבָּה הֲלֹא יָדוּעַ שֶׁעִיקָּר אוֹר הַתּוֹרָה הוּא בְּאוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה דַּוְקָא** ווייל ס'איז דאך פונקט פארקערט – ווייל ס'איז באקאנט אז די עיקר אוֹר הַתּוֹרָה איז אין די אותיות פון די תורה, **וְלֹא כֵּן כְּשֶׁהָאוֹתִיּוֹת הֵמָּה מוּפְסָקִים כְּאִילּוּ יֵשׁ הֶפְסֵק בְּהָאוֹר חַס וְשָׁלוֹם** און נישט ווען די אותיות זענען אפגעהאקט פון די פריעדיגע פרשה וואס ווייזט ווי ס'איז חס ושלום דא א הֶפְסֵק און א אפשטעל חס ושלום אין די אוֹר, **אֲבָל כְּשֶׁהוּא סְתוּמָה** אבער ווען עס איז פארמאכט, **הַיְינוּ שֶׁהָאוֹתִיּוֹת הֵמָּה רְצוּפִים** דאס מיינט אז די אותיות זענען געשריבן אין א המשך (אין איין ציה), **הוּא מוֹרֶה עַל בְּחִינַת גּוֹדֶל הָאוֹר תּוֹרָה בְּלִי הֶפְסֵק** טוט עס ווייזן אויף די גרויסקייט פון די בחינה פון די אוֹר הַתּוֹרָה, **וְלֹא עַל סְתִימַת הָעֵיינִין** און נישט אויף די בחינה פון די 'פארמאכטע אויגן'.

(ג) **גַּם לְפִי דְּבָרָיו הָיָה לוֹ לִכְתּוֹב הַסְּתִימָה אֵצֶל פְּטִירָתוֹ שֶׁל יַעֲקֹב** אויך דארף מען פארשטיין אז לויט רש"י'ס ווערטער וואלט ווען געדארפט שטיין די סְתִימָה דארט ווי עס שטייט אין תורה יעקב'ס פטירה, **וְלֹא אֵצֶל 'וַיְחִי יַעֲקֹב' שֶׁאָז הָיוּ עֵינֵיהֶם שֶׁל יִשְׂרָאֵל פְּתוּחוֹת**[ג] און נישט ווען די תורה זאגט  'וַיְחִי יַעֲקֹב' (און יעקב האט געלעבט) וואס דעמאלסט זענען נאך געווען די אויגן פון די יודן אפען.

> הִנֵּה לְהָבִין זֶה עַל דֶּרֶךְ הַמּוּסָר.
>
> גַּם לְהָבִין עִנְיַן הַסְּתִימָה שֶׁפֵּירֵשׁ רַשִׁ"י בִּתְחִילַּת הַסִּדְרָה שֶׁהִיא עַל שֶׁבִּיקֵּשׁ יַעֲקֹב לְגַלּוֹת אֶת הַקֵּץ וְנִסְתַּם מִמֶּנּוּ, וּבַעֲבוּר זֹאת נִכְתְּבָה פָּרָשָׁה זוֹ סְתוּמָה כּוּ'.
>
> וְיֵשׁ לְהָבִין כָּל זֶה הַאֵיךְ מְרַמֵּז עִנְיַן הַסְּתִימָה שֶׁבַּתּוֹרָה עַל בְּחִינַת סְתִימַת עֵיינִין, אַדְרַבָּה הֲלֹא יָדוּעַ שֶׁעִיקָּר אוֹר הַתּוֹרָה הוּא בְּאוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה דַּוְקָא, וְלֹא כֵּן כְּשֶׁהָאוֹתִיּוֹת הֵמָּה מוּפְסָקִים כְּאִילּוּ יֵשׁ הֶפְסֵק בְּהָאוֹר חַס וְשָׁלוֹם, אֲבָל כְּשֶׁהוּא סְתוּמָה, הַיְינוּ שֶׁהָאוֹתִיּוֹת הֵמָּה רְצוּפִים, הוּא מוֹרֶה עַל בְּחִינַת גּוֹדֶל הָאוֹר תּוֹרָה בְּלִי הֶפְסֵק וְלֹא עַל סְתִימַת הָעֵיינִין.
>
> גַּם לְפִי דְּבָרָיו הָיָה לוֹ לִכְתּוֹב הַסְּתִימָה אֵצֶל פְּטִירָתוֹ שֶׁל יַעֲקֹב, וְלֹא אֵצֶל 'וַיְחִי יַעֲקֹב' שֶׁאָז הָיוּ עֵינֵיהֶם שֶׁל יִשְׂרָאֵל פְּתוּחוֹת[א].
>
> וּלְתָרֵץ כָּל זֶה, דְּהִנֵּה עִיקָּר בְּרִיאַת הָעוֹלָם הָיְתָה בִּשְׁבִיל בְּחִינַת דַּעַת, כּוֹלֵל חֶסֶד וּגְבוּרָה[ב], לְהַכְנִיס אוֹר בְּתוֹךְ הַחוֹשֶׁךְ.
>
> א. וכן הקשה כן רבינו לעיל ד"ה ויחי יעקב (הא') וד"ה ויחי יעקב (הב').
>
> ב. עיין עץ חיים שער כא פ"ב: טפת הדעת הכלולה מחסד וגבורה אינה נמשכת מהדעת עצמו דאבא ואימא אלא מהחסד וגבורה המתפשטין בו' קצוות דגופא דאבא ואימא וכו', אלא שיש אל הז"א ג' מוחין בראשו ממש, ואפילו בחינת הדעת הכלול מחסד וגבורה הוא למעלה בראשו ובבחינת מוח ממש מלבד התפשטות ה' חסדים וה' גבורות אשר בו' קצוותיו כנודע.

[ב]

## די עיקר בחינת דעת איז צו מאכן שיינען אוֹר בְּתוֹךְ הַחוֹשֶׁךְ

**וּלְתָרֵץ כָּל זֶה** און צו פארענטפערן דאס אלעס, **דְּהִנֵּה עִיקָּר בְּרִיאַת הָעוֹלָם הָיְתָה בִּשְׁבִיל בְּחִינַת דַּעַת** ס'איז באקאנט אז די עיקר בריאת העולם איז געווען וועגן די בחינת דַּעַת, **כּוֹלֵל חֶסֶד וּגְבוּרָה** וואס די בחינת דַּעַת טוט פארבינדען חֶסֶד און גְבוּרָה וואס מיינט גשמיות אין רוחניות, **לְהַכְנִיס אוֹר בְּתוֹךְ הַחוֹשֶׁךְ** אריינצוברענגען ליכטיגקייט אין די טונקל,

די מצרים וואס האבן זיי אנגעהויבן צו אונטערטעניגן - איז דערפאר די פרשה 'סתומה' און האט ניישט קיין געהעריגע 'פתוחה' ווי א יעדע פרשה]. **דבר אחר** [נאך א פשט קען מען זאגן פארוואס די פרשה איז 'סתומה'] **שבקש לגלות את הקץ לבניו ונסתם ממנו** [ווייל יעקב אבינו האט געוואלט אנטפלעקן די ענד פון די גלות פאר זיינע קינדער און דערפאר  איז עס פארמאכט געווארן פאר אים].

ג. און אזוי  האט שוין דער בת עין געפרעגט עטליכע מאל די קשיא אין אנדערע תורות אין די פרשה אין ד"ה ויחי יעקב (הא') און אין ד"ה ויחי יעקב (הב').

כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב (תהלים קיב, ד) 'זָרַח בַּחוֹשֶׁךְ אוֹר לַיְשָׁרִים', פֵּירוּשׁ לַיְשָׁרִים זוֹרֵחַ אוֹר בְּתוֹךְ בְּחִינַת חוֹשֶׁךְ, הַיְינוּ שֶׁמְּהַפְּכִים כָּל בְּחִינַת תַּאֲווֹת הַגַּשְׁמִיּוֹת וּמַחְשָׁבוֹת אֲשֶׁר לֹא לַה' הֵמָּה, מְהַפְּכִים אוֹתָם לִבְחִינַת קְדוּשָּׁה לַעֲבוֹד בָּהֶם אֶת ה', וּמַכְנִיסִין בְּאוֹתָן הַבְּחִינוֹת אוֹר ה' וּמְסַלְּקִים הַחוֹשֶׁךְ.

וְזֶהוּ בְּחִינַת הַמְתָּקַת הַגְּבוּרוֹת, כִּי מַה שֶּׁבָּא עַל הָאָדָם שׁוּם בְּחִינוֹת גְּבוּרוֹת וְדִינִים רַחֲמָנָא לִיצְלָן, הוּא מֵחֲמַת בְּחִינַת חוֹשֶׁךְ וָבֹהוּ שֶׁיֵּשׁ בְּמִדּוֹת וְתַאֲווֹת שֶׁלּוֹ שֶׁאֵינָם לַה'.

וְלָכֵן נָתְנוּ חֲזַ"ל עֵצָה עַל זֶה (ברכות ה.) שֶׁיְּפַשְׁפֵּשׁ בְּמַעֲשָׂיו וּבְכָל הַמִּדּוֹת וּמַחְשָׁבוֹת וְתַאֲווֹת שֶׁלּוֹ הַגַּשְׁמִיִּים, וּלְהַכְנִיס בָּהֶם בְּחִינַת אוֹר, בְּחִינַת תְּשׁוּבָה, לַהֲשִׁיבָם לְשָׁרְשָׁם בְּחִינַת הַקְּדוּשָּׁה, וּבָזֶה יִתְמַתְּקוּ הַגְּבוּרוֹת וְהַדִּינִים שֶׁעָלָיו.

וּבִשְׁבִיל בְּחִינָה זוֹ, הַיְינוּ לְהַפֵּךְ חֲשׁוֹכָא לִנְהוֹרָא, הָיְתָה עִיקַּר בְּרִיאַת הָעוֹלָם.

וְזֶה שֶׁאָמַר הַכָּתוּב (בראשית א, א-ג) 'בְּרֵאשִׁית בָּרָא וְגוֹ' וְהָאָרֶץ הָיְתָה תֹהוּ וָבֹהוּ וְגוֹ' וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים יְהִי אוֹר וַיְהִי אוֹר' וְגוֹ', פֵּירֵשׁ רַשִׁ"י עַל תֹהוּ וָבֹהוּ, שֶׁאָדָם תּוֹהֵא וּמִשְׁתּוֹמֵם עַל בֹּהוּ שֶׁבָּהּ וְכוּ'[ג], פֵּירוּשׁ שֶׁאָדָם תּוֹהֵא וּמִתְחָרֵט עַל בְּחִינַת בֹּהוּ בְּחִינַת חוֹשֶׁךְ שֶׁבְּמִדּוֹת שֶׁלּוֹ, וּמַכְנִיס בָּהֶם בְּחִינַת אוֹר בְּחִינַת תְּשׁוּבָה, וּבְזֶה הוּא מַמְתִּיק הַגְּבוּרוֹת.

ג. לשון רש"י שם: תהו ובהו, תהו לשון תמה ושממון שאדם תוהה ומשתומם על בהו שבה.

**כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב** (תהלים קיב, ד) **'זָרַח בַּחוֹשֶׁךְ אוֹר לַיְשָׁרִים'** אזוי ווי די פסוק זאגט 'דער אייבערשטער האט געמאכט שיינען אין די פינסטערניש א ליכטיגקייט צו די גלייכע', **פֵּירוּשׁ לַיְשָׁרִים זוֹרֵחַ אוֹר בְּתוֹךְ בְּחִינַת חוֹשֶׁךְ** וואס דאס מיינט אז פאר די ערליכע מענטשן שיינט א ליכטיגקייט אין די פלעצער וואס ס'איז דא א בחינה פון טונקלקייט.

**הַיְינוּ שֶׁמְּהַפְּכִים כָּל בְּחִינַת תַּאֲווֹת הַגַּשְׁמִיּוֹת וּמַחְשָׁבוֹת אֲשֶׁר לֹא לַה' הֵמָּה** דאס מיינט זיי דרייען איבער אלע בחינות פון גשמיות'דיגע גלוסטונגען און מחשבות וואס זענען נישט פארן באשעפער'ס וועגן, **מְהַפְּכִים אוֹתָם לִבְחִינַת קְדוּשָּׁה לַעֲבוֹד בָּהֶם אֶת ה'** דרייען זיי עס איבער צו די בחינה פון קדושה צו דינען דערמיט דעם באשעפער, **וּמַכְנִיסִין בְּאוֹתָן הַבְּחִינוֹת אוֹר ה'** און זיי ברענגען אריין אין די בחינות די ליכטיגקייט פונעם באשעפער, **וּמְסַלְּקִים הַחוֹשֶׁךְ** און נעמען אוועק די טונקלקייט.

## די עצה פאר הַמְתָּקַת הַגְּבוּרוֹת

**וְזֶהוּ בְּחִינַת הַמְתָּקַת הַגְּבוּרוֹת** און דאס איז די בחינה פון ממתיק זיין די גבורות, **כִּי מַה שֶּׁבָּא עַל הָאָדָם שׁוּם בְּחִינוֹת גְּבוּרוֹת וְדִינִים רַחֲמָנָא לִיצְלָן** ווייל דאס וואס עס קומט אויף א מענטש די בחינה פון חושך און גבורות רחמנא ליצלן, **הוּא מֵחֲמַת בְּחִינַת חוֹשֶׁךְ וָבֹהוּ שֶׁיֵּשׁ בְּמִדּוֹת וְתַאֲווֹת שֶׁלּוֹ שֶׁאֵינָם לַה'** דאס איז אלעס נאר וועגן די בחינה פון טונקלקייט און פוסטקייט וואס דער מענטש האט אין זיינע מידות און גלוסטונגען וואס זענען נישט פארן באשעפער'ס וועגן.

**וְלָכֵן נָתְנוּ חֲזַ"ל עֵצָה עַל זֶה** (ברכות ה.) **שֶׁיְּפַשְׁפֵּשׁ בְּמַעֲשָׂיו וּבְכָל הַמִּדּוֹת וּמַחְשָׁבוֹת וְתַאֲווֹת שֶׁלּוֹ הַגַּשְׁמִיִּים** און דערפאר האבן חז"ל געגעבן די עצה אז ווען א מענטש זעהט אז עס קומט אויף אים יסורים זאל ער דורכקוקן זיינע מעשים און זיינע מידות און זיינע מחשבות און זיינע גשמיות'דיגע גלוסטונגען, **וּלְהַכְנִיס בָּהֶם בְּחִינַת אוֹר** און אריינברענגען אין זיי די בחינה פון ליכטיגקייט, **בְּחִינַת תְּשׁוּבָה** די בחינה פון תשובה, **לַהֲשִׁיבָם לְשָׁרְשָׁם בְּחִינַת הַקְּדוּשָּׁה** צו צוריקקערן צו זייער שורש די בחינה פון קדושה, **וּבָזֶה יִתְמַתְּקוּ הַגְּבוּרוֹת וְהַדִּינִים שֶׁעָלָיו** און מיט דעם וועט איבערגעדרייט ווערן צום גוטן די גבורות און די דינים וואס איז דא אויף אים.

## בריאת העולם איז געווען וועגן די בחינת דַעַת

**וּבִשְׁבִיל בְּחִינָה זוֹ** און וועגן די בחינה, **הַיְינוּ לְהַפֵּךְ חֲשׁוֹכָא לִנְהוֹרָא** דאס מיינט איבערצודרייען די טונקלקייט צו ליכטיגקייט, **הָיְתָה עִיקַּר בְּרִיאַת הָעוֹלָם** וועגן דעם איז געווען די בריאת העולם.

**וְזֶה שֶׁאָמַר הַכָּתוּב** (בראשית א, א-ג) **'בְּרֵאשִׁית בָּרָא וְגוֹ' וְהָאָרֶץ הָיְתָה תֹהוּ וָבֹהוּ וְגוֹ' וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים יְהִי אוֹר וַיְהִי אוֹר' וְגוֹ'** און דאס איז וואס די פסוקים זאגן 'אין אנהייב פון די באשאפונג וגו' און די ערד איז געווען וויסט און ליידיג וגו' און דער באשעפער האט געזאגט עס זאל זיין א ליכטיגקייט און ס'איז געווארן א ליכטיגקייט', **פֵּירֵשׁ רַשִׁ"י עַל תֹהוּ וָבֹהוּ שֶׁאָדָם תּוֹהֵא וּמִשְׁתּוֹמֵם עַל בֹּהוּ שֶׁבָּהּ וְכוּ'**[ד] און רש"י טייטשט אויף די פסוק תֹהוּ וָבֹהוּ אז א מענטש שטוינט און וואונדערט זיך אויף איר פוסטקייט.

**פֵּירוּשׁ שֶׁאָדָם תּוֹהֵא וּמִתְחָרֵט עַל בְּחִינַת בֹּהוּ בְּחִינַת חוֹשֶׁךְ שֶׁבְּמִדּוֹת שֶׁלּוֹ** דאס מיינט אז דער מענטש וואונדערט זיך און האט חרטה אויף די וויסקייט און די בחינה פון חושך וואס איז דא אין זיינע מידות, **וּמַכְנִיס בָּהֶם בְּחִינַת אוֹר בְּחִינַת תְּשׁוּבָה** און ער ברענגט אריין אין זיי די בחינה פון אור און די בחינת תשובה, **וּבְזֶה הוּא מַמְתִּיק הַגְּבוּרוֹת** און מיט דעם דרייט ער איבער די בחינה פון גבורות.

ד. די לשון פון רש"י דארט איז: **תהו ובהו, תהו לשון תמה ושממון** [תהו איז א לשון פון וואונדער און וויסט] **שאדם תוהה ומשתומם על בהו שבה** [ווייל א מענטש וואונדערט און שטוינט אויף די פוסטקייט וואס איז דא אין איר].

**'וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים יְהִי אוֹר וַיְהִי אוֹר'** און די פסוק זאגט דארט 'און דער באשעפער האט געזאגט עס זאל זיין א ליכטיגקייט און ס'איז געווארן א ליכטיגקייט', **פֵּירוּשׁ שֶׁבָּזֶה הוּא מַמְשִׁיךְ שֶׁפַע וְאוֹר ה' בָּעוֹלָם** דאס מיינט אז מיט דעם (דורך זיין תשובה) איז ער ממשיך א שפע און א אור פונעם באשעפער אויף די וועלט.

## די גאולה ווענדט זיך אין די בחינת דַעַת - פשט אין די פסוק הן גאלתי אתכם אחרית כראשית

**וּלְזֶה הָיְתָה עִיקָּר בְּרִיאַת הָעוֹלָם** און צוליב די בחינה איז געווען די עיקר בחינה פון בריאת העולם, **וּבָזֶה תַּלְיָא הַגְּאוּלָּה** און אין דעם ווענדט זיך די גאולה.

**כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב** (נוסח כתר דמוסף) **'הֵן גָּאַלְתִּי אֶתְכֶם אַחֲרִית כְּרֵאשִׁית'** אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'אט האב איך אייך אויסגעלייזט 'אַחֲרִית' די לעצטע מאל אזוי ווי 'כְּרֵאשִׁית' די ערשטע מאל', **פֵּירוּשׁ שֶׁיִּהְיֶה 'אַחֲרִית'** וואס דאס מיינט אז ס'וועט זיין די בחינה פון 'אַחֲרִית', **הוּא בְּחִינַת הַחוֹשֶׁךְ וּמִדּוֹת גַּשְׁמִיִּים** וואס דאס מיינט די בחינה פון טונקלקייט און גשמיות'דיגע מידות, **'כְּרֵאשִׁית'** אזוי ווי די בחינה פון רֵאשִׁית, **רְצוֹנוֹ לוֹמַר שֶׁיִּהְיֶה בָּהֶם בְּחִינַת אוֹר** דאס מיינט צו זאגן אז ס'זאל זיין אין ענק די בחינה פון אוֹר - ליכטיגקייט, **בְּחִינַת קְדוּשָּׁה** וואס דאס איז די בחינה פון קדושה, **שֶׁהוּא בְּחִינַת רֵאשִׁית** וואס קדושה איז די בחינה פון רֵאשִׁית.

'וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים יְהִי אוֹר וַיְהִי אוֹר', פֵּירוּשׁ שֶׁבָּזֶה הוּא מַמְשִׁיךְ שֶׁפַע וְאוֹר ה' בָּעוֹלָם.

וּלְזֶה הָיְתָה עִיקָּר בְּרִיאַת הָעוֹלָם, וּבָזֶה תַּלְיָא הַגְּאוּלָּה, כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב (נוסח כתר דמוסף) 'הֵן גָּאַלְתִּי אֶתְכֶם אַחֲרִית כְּרֵאשִׁית', פֵּירוּשׁ שֶׁיִּהְיֶה 'אַחֲרִית', הוּא בְּחִינַת הַחוֹשֶׁךְ וּמִדּוֹת גַּשְׁמִיִּים, 'כְּרֵאשִׁית', רְצוֹנוֹ לוֹמַר שֶׁיִּהְיֶה בָּהֶם בְּחִינַת אוֹר, בְּחִינַת קְדוּשָּׁה, שֶׁהוּא בְּחִינַת רֵאשִׁית.

וּבְחִינָה זוֹ רָצָה יַעֲקֹב אָבִינוּ ע"ה לִקְבּוֹעַ בְּבָנָיו אַחֲרָיו, שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם בְּחִינַת אוֹר הַנַּ"ל בִּתְמִידִיּוּת, בְּגִלּוּי אוֹר בְּכָל הַדְּבָרִים הַגַּשְׁמִיִּים.

וְזֶה שֶׁאָמַר הַכָּתוּב, 'הֵאָסְפוּ וְאַגִּידָה לָכֶם אֵת אֲשֶׁר יִקְרָא אֶתְכֶם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים', פֵּירֵשׁ רַשִׁ"י בִּיקֵּשׁ לְגַלּוֹת לָהֶם אֶת הַקֵּץ וְכוּ', הַיְינוּ שֶׁבִּיקֵּשׁ שֶׁיִּהְיֶה הַבְּחִינַת הַגְּאוּלָּה הַנַּ"ל בְּחִינַת הָאוֹר בְּגָלוּי, הַיְינוּ בִּתְמִידִיּוּת, מִבִּלְתִּי הַחוֹשֶׁךְ תְּחִלָּה[ד].

גַּם קֵץ הוּא מִלְּשׁוֹן סוֹף וְתַכְלִית, כִּי זֶהוּ תַּכְלִית הַבְּרִיאָה[ה].

וְזֶה מְרוּמָּז בַּפָּסוּק 'וְאַגִּידָה', שֶׁשּׁוֹרֶשׁ הַמִּלָּה הוּא ג"ד, שֶׁהוּא רָאשֵׁי תֵּבוֹת שֶׁל גּוֹמֵל דַּלִּים (שבת קד, א), פֵּירוּשׁ שֶׁזֶּהוּ עִיקָּר

ד. ר"ל שרצה לגלות את הקץ - הגאולה - בתוך 'אחרית הימים' היינו בחינת החושך, שיאיר האור בגלוי.

ה. כמוש"כ רבינו לעיל שעיקר בריאת העולם היתה בשביל להכניס אור בתוך החושך.

[ג]

## די רצון פון יעקב אז ס'זאל זיין א שטענדיגע אוֹר - פשט אין 'הֵאָסְפוּ וְאַגִּידָה לָכֶם'

**וּבְחִינָה זוֹ רָצָה יַעֲקֹב אָבִינוּ ע"ה לִקְבּוֹעַ בְּבָנָיו אַחֲרָיו** און די בחינה האט יעקב אבינו געוואלט צו אריינברענגען אין זיינע קינדער וואס זענען נאך אים, **שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם בְּחִינַת אוֹר הַנַּ"ל בִּתְמִידִיּוּת** אז זיי זאלן האבן די אויבענדערמאנטע אור מיט א שטענדיגקייט, **בְּגִלּוּי אוֹר בְּכָל הַדְּבָרִים הַגַּשְׁמִיִּים** אז ס'זאל זיין א אפענע אור אין אלע גשמיות'דיגע זאכן.

**וְזֶה שֶׁאָמַר הַכָּתוּב, 'הֵאָסְפוּ וְאַגִּידָה לָכֶם אֵת אֲשֶׁר יִקְרָא אֶתְכֶם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים'** און דאס וואס די פסוק זאגט 'זאמלט אייך איין און איך וועל אייך פארציילן וואס עס וועט אייך טרעפן אין די ענדע פון די טעג', **פֵּירֵשׁ רַשִׁ"י בִּיקֵּשׁ לְגַלּוֹת לָהֶם אֶת הַקֵּץ וְכוּ'** און רש"י טייטשט דארט אז יעקב האט געוואלט אויפדעקן די קֵץ - די ענדע פון די גלות, **הַיְינוּ שֶׁבִּיקֵּשׁ שֶׁיִּהְיֶה הַבְּחִינַת הַגְּאוּלָּה הַנַּ"ל בְּחִינַת הָאוֹר בְּגָלוּי** דאס מיינט אז יעקב האט געוואלט אויסזאגן די קֵץ אז עס זאל זיין די בחינה פון גְּאוּלָּה ווי אויבענדערמאנט (אז די בחינת 'דַעַת' איז א בחינת גאולה) און עס זאל זיין אפען די בחינה פון אור, **הַיְינוּ בִּתְמִידִיּוּת** דאס מיינט די אוֹר זאל זיין מיט א שטענדיגקייט אפילו יעצט אין גלות, **מִבִּלְתִּי הַחוֹשֶׁךְ תְּחִלָּה**[ה] אן דעם אז עס זאל צום ערשט זיין די בחינה פון טונקלקייט.

**גַּם קֵץ הוּא מִלְּשׁוֹן סוֹף וְתַכְלִית** אויך די ווארט קֵץ איז די לשון פון א סוף און א ענד, **כִּי זֶהוּ תַּכְלִית הַבְּרִיאָה**[ו] וואס די תכלית פון די בריאה איז אריינצוברענגען די ליכטיגקייט אין די טונקלקייט.

**וְזֶה מְרוּמָּז בַּפָּסוּק 'וְאַגִּידָה'** און דאס איז מרומז אין די לשון הפסוק 'וְאַגִּידָה', **שֶׁשּׁוֹרֶשׁ הַמִּלָּה הוּא ג"ד וואס די שורש פון די ווארט זענען די אותיות ג"ד**, **שֶׁהוּא רָאשֵׁי תֵּבוֹת שֶׁל גּוֹמֵל דַּלִּים** (שבת קד, א) וואס די אותיות ג' – ד' איז די ראשי תיבות

ה. דאס מיינט אז ער האט געוואלט אנטדעקן די קֵץ דאס מיינט די גאולה אין די בחינת פון **אַחֲרִית הַיָּמִים** וואס איז די בחינה פון חושך, דאס מיינט עס זאל שיינען די אוֹר אפענערהייט.

ו. אזוי ווי דער בת עין שרייבט אויבן אז די עיקר בריאת העולם איז געווען אריינצוברענגען די בחינת **אוֹר** אין די בחינת **חוֹשֶׁךְ**.

בְּחִינַת גְּמִילוּת חֲסָדִים בַּמֶּה שֶׁמַּכְנִיס וּמַעֲלֶה הַמִּדּוֹת שֶׁל חוֹשֶׁךְ לַקְּדוּשָּׁה לִבְחִינַת אוֹר.

וְאָמַר 'אֵת אֲשֶׁר יִקְרָא אֶתְכֶם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים', רְצוֹנוֹ לוֹמַר בְּחִינַת 'יִקְרָא', הוּא בְּחִינַת חִיבָּה כְּמוֹ שֶׁפֵּירֵשׁ רַשִׁ"י עַל 'וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה' (ויקרא א, א)[ו], בְּחִינַת אוֹר[ז] שֶׁיָּאִיר בִּבְחִינַת 'אַחֲרִית' בְּחִינַת חוֹשֶׁךְ שֶׁהוּא סוֹף כָּל הַמַּדְרֵיגוֹת.

רְצוֹנוֹ לוֹמַר שֶׁיַּעֲקֹב בִּיקֵשׁ שֶׁיִּהְיֶה בְּחִינַת אוֹר וּבְחִינַת גְּאוּלָּה בִּתְמִידִיּוּת בְּגָלוּי, וְזֶהוּ 'לְגַלּוֹת אֶת הַקֵּץ'.

'וְנִסְתַּם מִמֶּנּוּ', הַיְינוּ שֶׁזֶּה אִי אֶפְשָׁר, אֶלָּא שֶׁיִּהְיֶה תְּחִילָּה בְּחִינַת חוֹשֶׁךְ וְאַחַר כָּךְ אוֹר, מִתְּחִילָּה בְּחִינָה קְטַנָּה, וְאַחַר כָּךְ יַעֲלוּ לְבְחִינָה גְּדוֹלָה, בְּחִינַת אוֹר בְּגָלוּי.

וְזֶהוּ שֶׁאָמַר תֵּיכֶף 'הִקָּבְצוּ וְשִׁמְעוּ בְּנֵי יַעֲקֹב וְשִׁמְעוּ אֶל יִשְׂרָאֵל אֲבִיכֶם' וְגוֹ', אָמַר שֶׁבִּתְחִילָּה צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה בְּחִינַת יַעֲקֹב, בְּחִינָה קְטַנָּה, וְאַחַר כָּךְ יִשְׂרָאֵל, בְּחִינָה גְּדוֹלָה[ח], בְּחִינַת אוֹר בִּתְמִידִיּוּת.

כִּי יִשְׂרָאֵל מְרַמֵּז לִבְחִינָה זוּ שֶׁהֵאִיר הָאוֹר בְּתוֹךְ הַחוֹשֶׁךְ, יִשְׂרָאֵל גִּימַטְרִיָּא **אוֹר חוֹשֶׁךְ**, רְצוֹנוֹ לוֹמַר שֶׁיֵּשׁ גִּלּוּי אוֹר בַּחוֹשֶׁךְ.

ו. לשון רש"י שם: ויקרא אל משה, לכל דברות ולכל אמירות ולכל צוויים קדמה קריאה לשון חבה, לשון שמלאכי השרת משתמשים בו, שנאמר (ישעיה ו, ג) 'וקרא זה אל זה'.

ז. ר"ל, ובחינת חיבה, היא בחינת הארה כדלהלן.

ח. עיין זוה"ק ח"ב קעה, ב: דתאנא יעקב תתאה, ישראל עלאה, יעקב לאו שלימותא, ישראל שלימותא דכלא.

פון גוֹמֵל דַּלִּים, **פֵּירוּשׁ שֶׁזֶּהוּ עִיקָּר בְּחִינַת גְּמִילוּת חֲסָדִים בַּמֶּה שֶׁמַּכְנִיס וּמַעֲלֶה הַמִּדּוֹת שֶׁל חוֹשֶׁךְ לַקְּדוּשָּׁה לִבְחִינַת אוֹר**[ז] וואס די פשט דערפון איז אז די עיקר בחינה פון גְּמִילוּת חֲסָדִים איז מיט וואס ער ברענגט אריין און דערהייבט די טונקעלע מידות צו די קדושה צו די בחינה פון אוֹר – ליכטיגקייט.

## די כוונה פון יעקב מיט זאגן 'אֵת אֲשֶׁר יִקְרָא אֶתְכֶם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים'

**וְאָמַר 'אֵת אֲשֶׁר יִקְרָא אֶתְכֶם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים'** און די פסוק זאגט ווייטער 'וואס עס וועט ענק טרעפן אין די שפעטערע טעג', **רְצוֹנוֹ לוֹמַר בְּחִינַת 'יִקְרָא'** דאס מיינט צו זאגן אז עס וועט ענק טרעפן די בחינת 'יִקְרָא', **הוּא בְּחִינַת חִיבָּה** וואס דיווארט 'יִקְרָא' איז א בחינה פון ליבשאפט, **כְּמוֹ שֶׁפֵּירֵשׁ רַשִׁ"י עַל 'וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה'** (ויקרא א, א)[ח] אזוי ווי רש"י זאגט אין די פסוק פון 'וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה' אז 'קָרָא' איז א לשון פון ליבשאפט, **בְּחִינַת אוֹר**[ט] א בחינה פון ליכטיגקייט, **שֶׁיָּאִיר בִּבְחִינַת 'אַחֲרִית' בְּחִינַת חוֹשֶׁךְ שֶׁהוּא סוֹף כָּל הַמַּדְרֵיגוֹת** וואס דאס מיינט אז עס וועט ענק לייכטען (יִקְרָא) אין די בחינה פון 'אַחֲרִית' וואס איז די בחינה פון חוֹשֶׁךְ (טונקל) וואס איז די סוף פון אלע מדריגות.

**רְצוֹנוֹ לוֹמַר שֶׁיַּעֲקֹב בִּיקֵשׁ שֶׁיִּהְיֶה בְּחִינַת אוֹר וּבְחִינַת גְּאוּלָּה בִּתְמִידִיּוּת בְּגָלוּי** דאס מיינט אז יעקב האט געבעטן אז ס'זאל זיין די בחינה פון אור און די בחינה פון די גאולה מיט א שטענדיגע אפענקייט, **וְזֶהוּ 'לְגַלּוֹת אֶת הַקֵּץ'** און דאס איז וואס רש"י מיינט צו 'אויפדעקן די ענדע'.

## יעקב האט געזעהן אז ס'מוז זיין חוֹשֶׁךְ פאר בחינת אור * פשט אין פסוק 'הִקָּבְצוּ וְשִׁמְעוּ בְּנֵי יַעֲקֹב'

**'וְנִסְתַּם מִמֶּנּוּ'** און ס'איז פארמאכט געווארן פון אים, **הַיְינוּ שֶׁזֶּה אִי אֶפְשָׁר** דאס מיינט אז עס איז נישט מעגליך, **אֶלָּא שֶׁיִּהְיֶה תְּחִילָּה בְּחִינַת חוֹשֶׁךְ וְאַחַר כָּךְ אוֹר** נאר עס מוז קודם זיין די בחינה פון טונקל און דערנאך וועט זיין די בחינה פון ליכטיגקייט, **מִתְּחִילָּה בְּחִינָה קְטַנָּה** פון אנפאנג וועלן זיי זיין אין א קליינע בחינה, **וְאַחַר כָּךְ יַעֲלוּ לְבְחִינָה גְּדוֹלָה** און דערנאך וועלן זיי ארויפגיין צו א העכערע בחינה, **בְּחִינַת אוֹר בְּגָלוּי** א בחינה פון א אפענע ליכטיגקייט.

**וְזֶהוּ שֶׁאָמַר תֵּיכֶף 'הִקָּבְצוּ וְשִׁמְעוּ בְּנֵי יַעֲקֹב וְשִׁמְעוּ אֶל יִשְׂרָאֵל אֲבִיכֶם' וְגוֹ'** און דערפאר האט יעקב גלייך געזאגט 'נעמטס אייך צוזאם און הערטס מיינע רייד די קינדער פון יעקב און הערטס צו די רייד פון ישראל ענקער פאטער', **אָמַר שֶׁבִּתְחִילָּה צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה בְּחִינַת יַעֲקֹב** יעקב האט געזאגט אז פון אנפאנג דארף מען זיין אין די בחינה פון יעקב, **בְּחִינָה קְטַנָּה** וואס 'יעקב' מיינט די קליינע בחינה, **וְאַחַר כָּךְ יִשְׂרָאֵל** און דערנאך קומט די בחינה פון **'יִשְׂרָאֵל', בְּחִינָה גְּדוֹלָה** וואס די בחינה פון **'יִשְׂרָאֵל'** איז א גרויסע בחינה, **בְּחִינַת אוֹר בִּתְמִידִיּוּת** און איז די בחינה פון אוֹר מיט א שטענדיגקייט.

**כִּי יִשְׂרָאֵל מְרַמֵּז לִבְחִינָה זוּ שֶׁהֵאִיר הָאוֹר בְּתוֹךְ הַחוֹשֶׁךְ** ווייל 'יִשְׂרָאֵל' איז מרמז צו די בחינה אז ער האט געמאכט לייכטן די אוֹר אין די טונקל, **'יִשְׂרָאֵל' גִּימַטְרִיָּא 'אוֹר חוֹשֶׁךְ'** ווייל די ווארט **'יִשְׂרָאֵל' איז בְּגִימַטְרִיָּא פונקט ווי די ווארט 'אוֹר חוֹשֶׁךְ'**, **רְצוֹנוֹ לוֹמַר שֶׁיֵּשׁ גִּלּוּי אוֹר בַּחוֹשֶׁךְ** וואס דאס מיינט צו זאגן אז ס'איז דא א אנטפלעקונג פון ליכטיגקייט אין די טונקלקייט.

ז. די טונקעלע מידות ווערן אנגערופן דַּלִּים - ארימע מידות, און דורך זיי אריינברענגען אין קדושה איז מען זיי גומל חסד.

ח. די לשון פון רש"י דארט איז: **ויקרא אל משה, לכל דברות ולכל אמירות ולכל צוויים קדמה קריאה לשון חבה** [צו אלעמאל ווען די תורה דערמאנט א 'דיבור' (גערעדט), אדער 'ויאמר' (געזאגט), אדער א ציוו (באפעל), האט די תורה קודם געזאגט די לשון פון 'קריאה' וואס איז א לשון פון ליבשאפט] **לשון שמלאכי השרת משתמשים בו** [וואס 'קריאה' איז א לשון וואס די מלאכי השרת באנוצן זיך דערמיט ווען זיי רעדן איינער צום אנדערן], **שנאמר** (ישעיה ו, ג) **'וקרא זה אל זה'** [אזוי ווי עס שטייט ביי זיי 'און דער האט גערופן צו דעם אנדערן]

ט. וואס מיינט צו זאגן אז א בחינה פון ליבשאפט איז א בחינה וואס שיינט אריין א אוֹר.

[ד]

## די גרויסע אוֹר וואס יעקב האט ממשיך געווען – די תירוץ אויף די ערשטע קשיא

**וְעַתָּה יְבוֹאַר פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י בְּטוּב טַעַם וָדַעַת בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ**[י] און יעצט וועט ערקלערט ווערן בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ די ווערטער פון רש"י מט א גוטע פשט, **כִּי יַעֲקֹב כַּאֲשֶׁר הָיָה חַי הָיָה מַמְשִׁיךְ לְבָנָיו בְּחִינַת אוֹר בְּגָלוּי בִּתְמִידוּת** ווייל ווען יעקב האט געלעבט האט ער ממשיך געווען פאר זיינע קינדער א שטענדיגע אפענע אור, **שֶׁהָיָה אוֹר בְּכָל הַבְּחִינוֹת עַד סוֹף כָּל הַמַּדְרֵיגוֹת** אז ס'איז געווען א אוֹר וואס האט געלויכטן אין אלע בחינות ביז די סוף פון אלע נידריגע מדריגות, **בְּחִינַת דַּעַת** וואס דאס איז די בחינה פון דַּעַת וואס טוט צוזאמבינדן די גשמיות'דיגע בחינות מיט די בחינות פון רוחניות.

וְעַתָּה יְבוֹאַר פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י בְּטוּב טַעַם וָדַעַת בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, כִּי יַעֲקֹב כַּאֲשֶׁר הָיָה חַי הָיָה מַמְשִׁיךְ לְבָנָיו בְּחִינַת אוֹר בְּגָלוּי בִּתְמִידוּת, שֶׁהָיָה אוֹר בְּכָל הַבְּחִינוֹת עַד סוֹף כָּל הַמַּדְרֵיגוֹת, בְּחִינַת דַּעַת.

וְזֶהוּ מְרוּמָּז בַּפָּסוּק (סוף פר' ויגש מז, כז) 'וַיֵּשֶׁב יִשְׂרָאֵל בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן' וְגוֹ', רְצוֹנוֹ לוֹמַר גּוֹשֶׁן מְרַמֵּז לִבְחִינַת קֵירוּב לַקְּדוּשָּׁה, מִלָּשׁוֹן נִגַּשׁ.

וְעוֹד גֹּשֶׁן גִּימַטְרִיָּא **אוֹר סוֹף**, הַיְינוּ שֶׁהָיוּ מַכְנִיסִים בְּחִינַת אוֹר בְּסוֹף כָּל דַּרְגִּין.

'וַיֵּאָחֲזוּ בָהּ וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד', וְלֹא הָיָה יָכוֹל לִשְׁלוֹט בָּהֶם שׁוּם שִׁעְבּוּד וְשׁוּם בְּחִינַת גְּבוּרוֹת מִגּוֹדֶל גִּילּוּי הָאוֹר בְּלִי הֶפְסֵק.

וְזֶה הָיָה כָּל יְמֵי חַיֵּי יַעֲקֹב, וְלָכֵן נִכְתְּבָה פָּרָשָׁה זוֹ סְתוּמָה, הַיְינוּ שֶׁאֵין שׁוּם הֶפְסֵק בְּאוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה עַד 'וַיְחִי יַעֲקֹב', לְרַמֵּז שֶׁלֹּא הָיָה הֶפְסֵק בָּאוֹר שֶׁהִמְשִׁיכוּ לָעוֹלָם בְּחִינַת יַעֲקֹב כַּנַּ"ל.

## פשט אין פסוק 'וַיֵּשֶׁב יִשְׂרָאֵל בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן'

**וְזֶהוּ מְרוּמָּז בַּפָּסוּק** (סוף פר' ויגש מז, כז) **'וַיֵּשֶׁב יִשְׂרָאֵל בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן' וְגוֹ'**[יא] און דאס איז מרומז אין די פסוק סוף פרשת ויגש 'און ישראל האט זיך באזעצט אין די לאנד מצרים אין די לאנד גושן וואס געפינט זיך דארט', **רְצוֹנוֹ לוֹמַר גּוֹשֶׁן מְרַמֵּז לִבְחִינַת קֵירוּב לַקְּדוּשָּׁה**[יב] די ווארט גּוֹשֶׁן מיינט צו מרמז זיין צו די בחינה פון זיך דערנענטערן צו די קדושה, **מִלָּשׁוֹן נִגַּשׁ** וואס די ווארט גּוֹשֶׁן איז פון די לשון נִגַּשׁ - גענענען.

**וְעוֹד 'גֹּשֶׁן' גִּימַטְרִיָּא 'אוֹר סוֹף'** און אויך די ווארט **'גֹּשֶׁן'** גִּימַטְרִיָּא **'אוֹר סוֹף'**, **הַיְינוּ שֶׁהָיוּ מַכְנִיסִים בְּחִינַת אוֹר בְּסוֹף כָּל דַּרְגִּין** דאס מיינט אז זיי האבן אריינגעברענגט די בחינה פון אוֹר ביז די סוף פון אלע מדריגות.

## די המשך פון די פסוק 'וַיֵּאָחֲזוּ בָהּ וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד'

**'וַיֵּאָחֲזוּ בָהּ וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד'** און די פסוק ענדיגט דארט צו 'און זיי האבן זיך זיך דארט באזעצט און געפרוכטבארט און זיך זייער געמערט', **וְלֹא הָיָה יָכוֹל לִשְׁלוֹט בָּהֶם שׁוּם שִׁעְבּוּד וְשׁוּם בְּחִינַת גְּבוּרוֹת מִגּוֹדֶל גִּילּוּי הָאוֹר בְּלִי הֶפְסֵק** און ס'האט נישט געקענט געוועלטיגן אין זיי קיין שום אונטערדרוקנג און קיין שום בחינה פון די גבורות צוליב די גרויסע אפענע אוֹר וואס האט געלויכטן אן קיין שום אפשטעל. **וְזֶה הָיָה כָּל יְמֵי חַיֵּי יַעֲקֹב** און די בחינה איז געווען די גאנצע לעבן'ס טעג פון יעקב.

## די סְתוּמָה פון פרשת ויחי ווייזט אויף די גרויסע אוֹר וואס איז נמשך געווארן – די ענטפער אויף די צווייטע קשיא

**וְלָכֵן נִכְתְּבָה פָּרָשָׁה זוֹ סְתוּמָה**[יג] און דערפאר איז די פרשת ויחי געשריבן געווארן סְתוּמָה - פארמאכט, **הַיְינוּ שֶׁאֵין שׁוּם הֶפְסֵק בְּאוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה עַד 'וַיְחִי יַעֲקֹב'** דאס מיינט אז ס'איז נישט דא קיין שום אפשטעל אין די אותיות התורה פון פרשת ויגש ביז די פרשה פון 'וַיְחִי יַעֲקֹב', **לְרַמֵּז שֶׁלֹּא הָיָה הֶפְסֵק בָּאוֹר שֶׁהִמְשִׁיכוּ לָעוֹלָם בְּחִינַת יַעֲקֹב כַּנַּ"ל** דאס איז צו מרמז זיין אז ס'איז נישט געווען א אפשטעל אין די אור וואס מען האט ממשיך געווען אין די וועלט די אויבענדערמאנטע בחינה פון יעקב.

---

י. יעצט גייט דער בת עין צוענדיגן וואס ער האט מסביר געווען ביז יעצט וועגן די עבודה פון יעקב, און מיט דעם וועט פארענטפערט ווערן די ערשטע קשיא וואס דער בת עין האט געפרעגט **הִנֵּה לְהָבִין זֶה עַל דֶּרֶךְ הַמּוּסָּר** צו פארשטיין די ווערטער פון רש"י וועגן די עבודה פון יעקב אויף די וועג פון חסידות.

יא. די לשון הפסוק דארט איז: וַיֵּשֶׁב יִשְׂרָאֵל בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן וַיֵּאָחֲזוּ בָהּ וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד.

יב. דאס מיינט אז יִשְׂרָאֵל האט זיך באזעצט בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם אין די נידריגע פלעצער, מיט די בחינה פון אֶרֶץ גֹּשֶׁן צו דערנענטערן די טומאה צו די קדושה.

יג. מיט דעם איז פארענטפערט די צווייטע קשיא פונעם בת עין ווי אזוי איז מרמז א 'סתימה' אז ס'אי פארשטאפט געווארן די אויגן פון יודן, ווייל לכאורה די סתימה מיינט אז די אוֹר גייט ווייטער אין איין ציה, און די ענטפער איז אז דאס איז וואס רש"י זאגט טאקע אז די פרשה איז 'סתימה' ווייל די אור איז אנגעגאנגען ביז יעקב'ס פטירה וואס דעמאלסט איז פארמאכט געווארן די אויגן פון די יודן און ס'איז געשעהן א 'פתיחה'.

רַק אַחַר שֶׁמֵּת יַעֲקֹב נֶאֱמַר פְּתוּחָה בַּתּוֹרָה[ט], שֶׁנִּפְסַק הָאוֹר וְהִתְחִיל הַשִּׁעְבּוּד וְנִסְתְּמוּ עֵינֵיהֶם שֶׁל יִשְׂרָאֵל, וְשַׁיָּיךְ שֶׁיִּהְיֶה פְּתוּחָה בַּתּוֹרָה, הַיְינוּ הֶפְסֵק בָּאוֹתִיּוֹת, הֶפְסֵק הָאוֹר.

וְזֶהוּ שֶׁכָּתַב רַשִׁ"י זַ"ל דָּבָר אַחֵר שֶׁבִּיקֵּשׁ יַעֲקֹב לְגַלּוֹת אֶת הַקֵּץ וְנִסְתַּם מִמֶּנּוּ וְכוּ'[י], זֶהוּ כְּמוֹ פֵּירוּשׁ עַל הָרֶמֶז הָרִאשׁוֹן שֶׁכָּתַב, רְצוֹנוֹ לוֹמַר שֶׁיַּעֲקֹב בִּקֵּשׁ שֶׁיִּהְיֶה בְּחִינַת גִּילּוּי אוֹר זֶה בִּבְחִינַת סְתִימָה[יא] לְבָנָיו בִּתְמִידִיּוּת, וְלֹא יִהְיֶה יְכוֹלֶת לִהְיוֹת בְּחִינַת שִׁעְבּוּד, וְיִהְיֶה קֵץ וּגְאוּלָּה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ, וְנִסְתַּם מִמֶּנּוּ[יב].

וְלָזֶה נִכְתְּבָה הַסְּתִימָה בַּתּוֹרָה רַק עַד 'וַיְחִי יַעֲקֹב', הַיְינוּ כָּל יְמֵי חַיֵּי יַעֲקֹב דַּוְקָא, אֲבָל אַחַר כָּךְ נִסְתְּמוּ עֵינֵיהֶם שֶׁל יִשְׂרָאֵל בְּמִצְרַיִם, עַד אֲשֶׁר יְרַחֵם ה' עָלֵינוּ וְיַמְשִׁיךְ לָנוּ שֶׁפַע וְאוֹר הַקְּדוֹשָׁה מִלְּמַעְלָה וְיָבֹא מְשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן סֶלָה.

ט. ר"ל לאחר שנאמר 'ויקרבו ימי ישראל למות', ואומרו ליוסף 'ושכבתי עם אבותי', שם נאמרה פתוחה בתורה.

י. לשון רש"י: למה פרשה זו סתומה, לפי שכיון שנפטר יעקב אבינו נסתמו עיניהם ולבם של ישראל מצרת השעבוד שהתחילו לשעבדם. דבר אחר שבקש לגלות את הקץ לבניו ונסתם ממנו.

יא. היינו בבחינת גילוי בלי הפסק.

יב. ר"ל דיש ב' מיני סתימה, סתימת התורה, היא בחינת גילוי האור בתמידות, וסתימת העינים היא היפך גילוי האור.

**רַק אַחַר שֶׁמֵּת יַעֲקֹב נֶאֱמַר פְּתוּחָה בַּתּוֹרָה**[יד] נאר נאכדעם וואס יעקב אבינו איז נפטר געווארן שטייט אין תורה א פְּתוּחָה (א עפענונג), **שֶׁנִּפְסַק הָאוֹר וְהִתְחִיל הַשִּׁעְבּוּד וְנִסְתְּמוּ עֵינֵיהֶם שֶׁל יִשְׂרָאֵל** ווייל די אוֹר האט זיך אפגעשטעלט און ס'האט זיך אנגעהויבן די אונטערטעניגקייט און ס'האט זיך פארמאכט די אויגן פון די יודן, **וְשַׁיָּיךְ שֶׁיִּהְיֶה פְּתוּחָה בַּתּוֹרָה** און ס'איז שוין געווען שייך אז ס'זאל געשעהן א פְּתוּחָה אין די תורה, **הַיְינוּ הֶפְסֵק בָּאוֹתִיּוֹת** וואס דאס מיינט א הפסק אין די אותיות התורה, **הֶפְסֵק הָאוֹר** און א הפסק פון די אוֹר - ליכטיגקייט.

## די הסבר וואס מיינט רש"י צו מסביר מיט די דָּבָר אַחֵר – די תירוץ אויף די דריטע קשיא

**וְזֶהוּ שֶׁכָּתַב רַשִׁ"י זַ"ל דָּבָר אַחֵר שֶׁבִּיקֵּשׁ יַעֲקֹב לְגַלּוֹת אֶת הַקֵּץ וְנִסְתַּם מִמֶּנּוּ וְכוּ'**[טו] און דאס איז וואס רש"י שרייבט אין די צווייטע פשט אז די סתומה איז צוליב וואס די 'קץ' איז באהאלטן געווארן פון יעקב, **זֶהוּ כְּמוֹ פֵּירוּשׁ עַל הָרֶמֶז הָרִאשׁוֹן שֶׁכָּתַב** און דאס איז א פשט אויף די ערשטע רמז וואס רש"י האט קודם געשריבן.

**רְצוֹנוֹ לוֹמַר שֶׁיַּעֲקֹב בִּקֵּשׁ שֶׁיִּהְיֶה בְּחִינַת גִּילּוּי אוֹר זֶה בִּבְחִינַת סְתִימָה לְבָנָיו בִּתְמִידִיּוּת** דאס מיינט צו זאגן אז יעקב האט געבעטן אז עס זאל זיין א בחינה פון א אפענע אוֹר אין די בחינה פון א סְתִימָה וואס מיינט אז די אור זאל ווייטער אנגיין שטענדיג אן קיין אפשטעל, **וְלֹא יִהְיֶה יְכוֹלֶת לִהְיוֹת בְּחִינַת שִׁעְבּוּד** און אזוי ווען נישט קענען זיין אויף זיי די בחינה פון שעבוד, **וְיִהְיֶה קֵץ וּגְאוּלָּה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ** און עס וועט זיין די ענד און די גאולה שנעל אין אונזערע טעג, **וְנִסְתַּם מִמֶּנּוּ** און עס איז פארמאכט געווארן פאר אים – דאס מיינט ער האט נישט געקענט ממשיך זיין די בחינה נאך זיין פטירה.

**וְלָזֶה נִכְתְּבָה הַסְּתִימָה בַּתּוֹרָה רַק עַד 'וַיְחִי יַעֲקֹב'**[טז] און פארדעם שטייט די בחינה פון 'סְתִימָה' נאר ביז די פרשה פון 'וַיְחִי יַעֲקֹב', **הַיְינוּ כָּל יְמֵי חַיֵּי יַעֲקֹב דַּוְקָא** דאס מיינט דווקא די גאנצע לעבן פון יעקב.

**אֲבָל אַחַר כָּךְ נִסְתְּמוּ עֵינֵיהֶם שֶׁל יִשְׂרָאֵל בְּמִצְרַיִם** אבער דערנאך האט זיך פארמאכט די אויגן פון די יודן אין מצרים, **עַד אֲשֶׁר יְרַחֵם ה' עָלֵינוּ וְיַמְשִׁיךְ לָנוּ שֶׁפַע וְאוֹר הַקְּדוֹשָׁה מִלְּמַעְלָה** ביז ווען דער אייבישטער וועט רחמנות האבן אויף אונז און וועט אונז ממשיך זיין א שפע און א אוֹר פון קדושה פון אויבן אין הימל, **וְיָבֹא מְשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן סֶלָה** און עס וועט קומען משיח צדקינו שנעל אין אונזערע טעג, אמן סלה.

יד. דאס מיינט צו זאגן אז נאכדעם וואס עס שטייט אין פסוק 'ויקרבו ימי ישראל למות', און ער האט געזאגט פאר יוסף 'ושכבתי עם אבותי', דארטן שטייט די פתיחה.

טו. צו גרינגער מאכן פארן לערנער וועלן מיר נאכאמאל אראפברענגען דא די לשון רש"י וואס אונז האבן געברענגט אנפאנג די תורה: די לשון פון רש"י איז: **למה פרשה זו סתומה** [פארוואס איז די פרשה 'סתומה' (פארמאכט) מיט פרשת ויגש], **לפי שכיון שנפטר יעקב אבינו נסתמו עיניהם ולבם של ישראל מצרת השעבוד שהתחילו לשעבדם** [ווייל וויבאלד יעקב אבינו איז נפטר געווארן איז פארמאכט געווארן די אויגן און די הארץ פון די יודן צוליב די צרה פון די מצרים וואס האבן זיי אנגעהויבן צו אונטערטעניגן - איז דערפאר די פרשה 'סתומה' און האט נייעשט קיין געהעריגע 'פתוחה' ווי א יעדע פרשה]. **דבר אחר** [נאך א פשט קען מען זאגן פארוואס די פרשה איז 'סתומה'] **שבקש לגלות את הקץ לבניו ונסתם ממנו** [ווייל יעקב אבינו האט געוואלט אנטפלעקן די ענד פון די גלות פאר זיינע קינדער און דערפאר איז עס פארמאכט געווארן פאר אים].

טז. און דאס איז וואס רש"י מיינט צו זאגן מיט די **דָּבָר אַחֵר** אז פארוואס איז נאר די סתומה ביז פרשת ויחי און נישט ווייטער, ווייל דערנאך ווען יעקב איז נפטר געווארן און עס איז פארמאכט געווארן די אויגן פון די יודן דעמאלסט שטייט שוין אין די תורה א 'פתיחה' וואס איז מרמז אז ס'האט זיך אפגעשטעלט די אור. און מיט די אלע הקדמות וואס עס מיינט א 'פתיחה' און א 'סתיה' פארשטייען אונז שוין פארוואס ביי יעקב'ס פטירה שטייט א 'פתיחה' און ס'איז פארענטפערט די דריטע קשיא פונעם בת עין.

**לע"נ** הרה"ק מריבניץ ר' **חיים זאנוויל** ב"ר **משה** זי"ע | לע"נ הרה"ק מסאטמאר ר' **יואל** בהרה"ק **חנניה יום טוב** זי"ע

לע"נ הרה"ק מסלאנים ממשפחת רבינו ה'בת עין ר' **מרדכי חיים** בהרה"ק ר' **יהודה לייב** נפטר י"ב טבת תשי"ד
הרה"ק מסלאנים מסר נפשו להעמיד שם ושארית לזכרו של רבינו והנהיג ישיבה בצפת אשר נקרא בשם 'אשל לאברהם' על שמו וזכרו של רבינו, וביקש את הרה"ח ר' חיים שמואל רייפן ז"ל להדפיס את ספר הק' בת עין לראשונה אחרי מלחמת העולם והגה בכל יום בספר קדוש זה, זכותו יגן עלינו
הונצח על ידי נכדו הרה"ח ר' **וואלף סלאנים** שליט"א

**נעמט א חלק אין הפצת הגליון און זייט מנדב לעילוי נשמת אייערע קרובים און נאנטע**
פאר הערות און מנדב זיין נא לפנות Mechonusa@gmail.com

# גליון בת עין

דבר השוה לכל נפש

אידיש

· גליון כג ·

פרשת ויחי

תשפ"ד


## פארווארט

די געדאנק אינעם תורה

אין די תורה גייט דער בת עין מסביר זיין די ענין פון המתקת הדינים בשורשם, ס'מאכט זיך אמאל אז ס'קומט אויף א מענטש א שווערע איבערלעבעניש, וואס דאס קומט דאך פון באשעפער, אבער אונז ווייסן דאך אז דער באשעפער האט דאך באשאפן די וועלט ער זאל ווערן אנגערפן רחום וחנון, איז ווי אזוי קען זיין אז ס'קומען אראפ שווערע זאכען פון הימעל אויפן מענטש? איז דער בת עין מסביר אז אין יעדע זאך איז דא א חסד השם, צומאל איז די חסד אפען און צומאל באהאלטען, איז די ערשטע עצה איבערצודרייען די פראבלעם אז דער מענטש זאל גלייבן אז ס'איז צום גוטען און לויבן דעם באשעפער טאקע אויף די זאך.

און די זעלבע זאך איז ווען א מענטש האט ממש נישט קיין פרנסה, אדער ס'פעלט אים אנדער לעבנ'ס וויכטיגע באדארפענישן, זאל ער כאטש לויבן דעם באשעפער אויף יעדן אטעם און זיין נשמה וואס ליגט ביים באשעפער.

און דא קומט די בת עין צום אויספיהר: דורך דעם וואס דער מענטש לויבט דעם באשעפער דערויף (אויף וואס ספעלט אים – אדער אויף זיין שווערע איבערלעבעניש) מיט דעם איז ער ממש גורם אז די זאך ווערט איבערגעדרייט אויבן אין הימעל אז די חסד פון די זאך זאל אנטפלעקט ווערן און ס'זאל איבערגעדרייט ווערן צום גוטען אויף די וועלט.

חזק חזק ונתחזק

הרה"ק ר' אהרן מטשערנאביל האט נאכגעזאגט בשם הרה"ק ר' זאב וואלף מזבאריז א רמז 'חזק חזק' ווען א יוד שטארקט זיך איינמאל און צוויי מאל, דעמאלסט 'ונתחזק' שיקט מען אים חיזוק פון הימעל און מען שטארקט אים אין אלע נסיונות.

י"ב כסליו שנת תשע"ט איז געשטאנען א יוד ביים ציון פונעם הייליגן בת עין און פארגעלערנט די שטיקעל, אויסרופענדיג דערביי אז ער האט געלערנט די שטיקל 40 טאג אין א ציה און האט זוכה געווען צו זעהן א נס.

מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ. **פון די חלק פון אשר וועט זיין פעט ברויט זיין שפייז, און ער וועט געבן פון דאס וואס עס וואקסן ביי אים אזעלכע גוטע פרוכט וואס זיי וועלן זיין געשמאקע שפייז פון דעם קעניג.**

**וְנוּכַל לוֹמַר שֶׁהַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה מוֹרָה לָנוּ דֶּרֶךְ** מען קען זאגן אז די תורה ווייזט אונז די וועג, **הָאֵיךְ לְהַמְתִּיק הַדִּינִים בְּשָׁרְשָׁם** ווי אזוי צו ממתיק זיין די דינים אין די שורש אין די עולמות העליונים, **בִּכְדֵי לְהַמְשִׁיךְ שֶׁפַע וּבְרָכָה מִמֶּלֶךְ מַלְכוֹ שֶׁל עוֹלָם לְעוֹלָמוֹת הַתַּחְתּוֹנִים** כדי צו אראפברענגען אויף די וועלט שפע און ברכה פון דעם באשעפער דער קעניג פון די וועלט.

### גלייבן באמונה שלמה אז אלעס איז צום גוטן

> מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ. וְנוּכַל לוֹמַר שֶׁהַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה מוֹרָה לָנוּ דֶּרֶךְ הָאֵיךְ לְהַמְתִּיק הַדִּינִים בְּשָׁרְשָׁם בִּכְדֵי לְהַמְשִׁיךְ שֶׁפַע וּבְרָכָה מִמֶּלֶךְ מַלְכוֹ שֶׁל עוֹלָם לְעוֹלָמוֹת הַתַּחְתּוֹנִים, דְּהִנֵּה הָעִיקָּר הוּא לְהַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁכָּל מַה דְּעָבִיד רַחֲמָנָא לְטַב עָבִיד (ברכות ס:), וּלְבָרֵךְ לְבוֹרֵא עוֹלָם בָּרוּךְ הוּא עַל הָרָעָה בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב מַמָּשׁ כְּשֵׁם שֶׁמְּבָרֵךְ עַל הַטּוֹבָה, וַאֲפִילוּ חַס וְשָׁלוֹם כְּשֶׁהָאָדָם הוּא מְחוּסָּר מִמִּשְׁאֲלוֹת לִבּוֹ, אַף עַל פִּי כֵן יִהְיֶה אֲשׁוּרָיו וּתְהִלּוֹתָיו שֶׁל אָדָם לְבוֹרֵא

**דְּהִנֵּה הָעִיקָּר הוּא** וויל דער עיקר איז, **לְהַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה** צו גלייבן מיט א גאנצע אמונה, **שֶׁכָּל מַה דְּעָבִיד רַחֲמָנָא לְטַב עָבִיד** (ברכות ס:) אז אלעס וואס דער באשעפער טוהט איז צום גוטן, **וּלְבָרֵךְ לְבוֹרֵא עוֹלָם בָּרוּךְ הוּא עַל הָרָעָה בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב מַמָּשׁ כְּשֵׁם שֶׁמְּבָרֵךְ עַל הַטּוֹבָה**, און צו בענטשן צום באשעפער אויף די שלעכטע זאכען מיט א שמחה און א גוט הארץ אזוי ווי מען דאנקט און בענטשט דעם באשעפער אויף די גוטע זאכען.

**וַאֲפִילוּ חַס וְשָׁלוֹם כְּשֶׁהָאָדָם הוּא מְחוּסָּר מִמִּשְׁאֲלוֹת לִבּוֹ**, אפילו חס ושלום אז ס'פעלט פאר א מענטש זיין הארץ באדערפענישן (דאס מיינט זאכען וואס איז נאנט צו זיין הארץ און

עוֹלָם בָּרוּךְ הוּא עַל חַיֵּינוּ הַמְּסוּרִים בְּיָדוֹ וְעַל נִשְׁמוֹתֵינוּ הַמּוּפְקָדִים בְּיָדוֹ, כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב (תהלים קנ, ו) כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ, וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל (ב"ר יד, ט) עַל כָּל נְשִׁימָה וּנְשִׁימָה תְּהַלֵּל יָהּ, וְאַף עַל פִּי שֶׁהוּא מְחוּסָּר מִמִּשְׁאֲלוֹת לִבּוֹ, אַף עַל פִּי כֵן יַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁכָּלוּל בָּזֶה חֶסֶד ה' בְּאִתְכַּסְיָא בִּכְדֵי לְבָרֵךְ עַל זֶה בְּשִׂמְחָה מַמָּשׁ, וּבָזֶה הָאֱמוּנָה וְהַתְּהִלָּה גּוֹרֵם שֶׁנִּמְתְּקוּ הַדִּינִין בְּשָׁרְשָׁם, שֶׁיִּזַּל מַיִם הוּא הַחֶסֶד מִמֶּלֶךְ עוֹלָם מְקוֹר הַחֶסֶד לְבָאֵי עוֹלָם, וְיִהְיֶה כָּל הַשְׁפָּעוֹת טוֹבוֹת וּמַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ בְּאִתְגַּלְיָא עַל כָּל הָעוֹלָם[א].

וְזֶהוּ 'מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ', 'מֵאָשֵׁר' הוּא לְשׁוֹן תְּהִלָּה, 'שְׁמֵנָה' הוּא אוֹתִיּוֹת 'נְשָׁמָה'. גַּם לְשׁוֹן נְשָׁמָה מוֹרֶה עַל לְשׁוֹן שְׁמָמָה וְשִׁמָּמוֹן[ב], הַיְינוּ כְּשֶׁהָאָדָם הוּא מְהַלֵּל לַבּוֹרֵא עוֹלָם בָּרוּךְ הוּא עַל הַנְּשָׁמָה הַמְּסוּרָה בְּיָדוֹ, אַף עַל פִּי שֶׁהוּא שְׁמָמָה לַחְמוֹ, הַיְינוּ שֶׁהוּא מְחוּסָּר לֶחֶם וּמִמִּשְׁאֲלוֹת לִבּוֹ, אֲזַי 'וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ', הַיְינוּ יָכוֹל לִיתֵּן וּלְהַשְׁפִּיעַ מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ וְכָל הַשְׁפָּעוֹת טוֹבוֹת לְכָל בָּאֵי עוֹלָם, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן[ג].

א. וראה עוד מה שכתב רבינו בפרשת חיי שרה ד"ה ואברהם זקן: כי עיקר בריאת העולם היתה בגין דיתקרי רחום כו' (זוה"ק ח"ג רנז, ב) ובכל דבר יש בחינת חסד הבורא ב"ה, אפילו בבחינת דין בחינת קטנות שבא על האדם, בחינת חשכות, יש בתוכו מכוסה בחינת חסד ה', רק שהוא באתכסיא, ולכן צריך האדם ליזהר מאוד בזה וליתן שבח והודיה להשי"ת על בחינת גבורה כמו על בחינת חסד ממש, כי באמת הוא חסד ממש, אלא ששני מיני חסד יש, אחד באתגליא ואחד באתכסיא. וזהו שאמרו חז"ל (בר"ר לג, ג) צדיקים מהפכים מדת הדין למדת הרחמים, שמהפכים ממש, ומבינים שמדת הדין שהוא בחינת גבורה הוא ממש בחינת חסד באתכסיא ועל ידי זה גם למעלה נתהפך כו'.

ב. עיין מסכת עירובין יח, א: מיום שחרב בית המקדש דיו לעולם שישתמש בשתי אותיות, שנאמר 'כל הנשמה תהלל יה הללויה'. ובתוס' שם ד"ה כל הנשמה: פר"ח קרי ביה הנשמה בדגש. ובמהרש"א שם על התוס': שנאמר כל הנשמה וגו', כתבו התוספות פר"ח קרי ביה הנשמה בדגש עכ"ל, ר"ל מלשון שממה וחורבן של בית המקדש.

ג. בסיום ספר בראשית בכתב יד זיטומיר נכתב: חסלת ספר בראשית השי"ת יזכינו לקיים ככל הכתוב בו בקדושה ובטהרה אמן כן יהי רצון.

ער ברויך עס וויכטיג), **אַף עַל פִּי כֵן** פון דאס וועגן דאך, **יִהְיֶה אֲשׁוּרָיו וּתְהִלּוֹתָיו שֶׁל אָדָם לְבוֹרֵא עוֹלָם בָּרוּךְ הוּא** זאל זיין די לויב און גליקליכקייט פון א מענטש צום באשעפער **עַל חַיֵּינוּ הַמְּסוּרִים בְּיָדוֹ** אויף אונזער לעבן וואס איז איבערגעבן אין זיין האנט, **וְעַל נִשְׁמוֹתֵינוּ הַמּוּפְקָדִים בְּיָדוֹ** און אויף אונזער נשמות וואס איז באהאלטען ביי אים.

**כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב** (תהלים קנ, ו) **כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ**, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק כל הנשמה תהלל יה – 'א יעדע נשמה זאל לויבען דעם באשעפער', **וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל** (ב"ר יד, ט) **עַל כָּל נְשִׁימָה וּנְשִׁימָה תְּהַלֵּל יָהּ** און אונזערע חכמים האבן געדר'שנט אז 'כל הנשמה' מיינט אז אויף יעדע 'נשימה' וואס מיינט אויף יעדע אטעם זאל זיין 'תהלל יה' - לויבען דעם באשעפער.

## דורך די אמונה איז ער ממתיק די דינים

**וְאַף עַל פִּי שֶׁהוּא מְחוּסָּר מִמִּשְׁאֲלוֹת לִבּוֹ**, כאטש ס'קען געשען אז א מענטש זאל נישט האבן זיין הארץ באדארפעניש, **אַף עַל פִּי כֵן יַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁכָּלוּל בָּזֶה חֶסֶד ה' בְּאִתְכַּסְיָא** פון דעסוועגן דאך זאל ער גלייבען אז אפילו אין די זאך וואס ס'פעלט אים איז דא א באהאלטענע חסד השם (ד.מ. אז די סיבה פארוואס ער האט נישט די זאך אין דעם אליין ליגט א חסד השם), **בִּכְדֵי לְבָרֵךְ עַל זֶה בְּשִׂמְחָה מַמָּשׁ** כדי ער זאל קענען דאנקען דעם באשעפער אויף דעם מיט שמחה ממש.

**וּבָזֶה הָאֱמוּנָה וְהַתְּהִלָּה גּוֹרֵם שֶׁנִּמְתְּקוּ הַדִּינִין בְּשָׁרְשָׁם** און מיט די אמונה אז עס איז א חסד השם און דאס לויבן דעם באשעפער דערויף ברענגט ער צו אז די דינים ווערן נמתק אויבן אין הימל, (ד.מ. אז ס'זאל אנטדעקט ווערן די חסד השם וואס איז געלעגן באהאלטן אין די זאך), **שֶׁיִּזַּל מַיִם[א] הוּא הַחֶסֶד מִמֶּלֶךְ עוֹלָם מְקוֹר הַחֶסֶד לְבָאֵי עוֹלָם** אז ס'זאל רינען וואסער וואס איז רומז אויף חסד פונעם באשעפער דער קעניג פון די וועלט וואס

א. די בת עין איז מרמז דא אויף די פסוק יזל מים מדליו (במדבר כד, ז) אז דאס מיינט ס'זאל אראפקומען השפעות טובות פון הימל אויף אונז.

ער איז די מקור החסד פאר אלע וואס קומען אויף די וועלט, **וִיהְיֶה כָּל הַשְׁפָּעוֹת טוֹבוֹת וּמַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ בְּאִתְגַּלְיָא עַל כָּל הָעוֹלָם**[ב] און ס'זאל אנפלעקט ווערן אלע גוטע השפעות אפענערהייט אויף די וועלט.

## די פשט אין פסוק 'מאשר שמנה לחמו'

**וְזֶהוּ 'מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ'** און דאס איז פשט אינעם פסוק 'מאשר שמנה לחמו', **'מֵאָשֵׁר' הוּא לְשׁוֹן תְּהִלָּה**, די ווארט 'מאשר' איז א לשון פון לויבן[ג], **'שְׁמֵנָה' הוּא אוֹתִיּוֹת 'נְשָׁמָה'** די ווארט 'שמנה' איז די אותיות 'נשמה', **גַּם לְשׁוֹן נְשָׁמָה מוֹרֶה עַל לְשׁוֹן שְׁמָמָה וְשִׁמָּמוֹן** אויך די ווארט 'נשמה' קען מען טייטשען א לשון פון וויסטקייט און פוסטקייט.

**הַיְינוּ כְּשֶׁהָאָדָם הוּא מְהַלֵּל לַבּוֹרֵא עוֹלָם בָּרוּךְ הוּא עַל הַנְּשָׁמָה הַמְּסוּרָה בְּיָדוֹ** וואס דאס מיינט ווען א מענטש לויבט דעם באשעפער אויף זיין נשמה וואס איז אין באשעפער'ס הענט[ד], **אַף עַל פִּי שֶׁהוּא שְׁמָמָה לַחֲמוֹ** כאטש ס'פעלט אים זיין ברויט[ה], **הַיְינוּ שֶׁהוּא מְחוּסָּר לֶחֶם וּמִמִּשְׁאֲלוֹת לִבּוֹ** דאס מיינט אז ער האט נישט זיין ברויט צום עסן אדער אנדערע הארץ באדערפענישן, **אֲזַי** דעמאלסט אז ער לויבט דעם באשעפער, **'וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ'** די פסוק זאגט אז 'אזא איינער וועט האבען פרוכט וואס איז פאסיג צו זיין שפייז פון א קעניג', **הַיְינוּ יָכוֹל לִיתֵּן וּלְהַשְׁפִּיעַ מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ וְכָל הַשְׁפָּעוֹת טוֹבוֹת לְכָל בָּאֵי עוֹלָם** אז ער וועט קענען משפיע און אראפברענגען אויף די וועלט השפעות פונעם באשעפער און אלע גוטע זאכען.

**אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.**

---

ב. און אזוי שרייבט אויך דער בת עין אין פרשת חיי שרה ד"ה ואברהם זקן: אז אין א יעדע זאך איז דא די בחינה פון חסד פון השי"ת, און אפילו אין די בחינת דין און טונקלקייט וואס קומט אויף א מענטש איז דא באהאלטען אינדעם א חסד השם, נאר ס'איז באהאלטען, און דערפאר דארף א מענטש באפגעבן א שבח און א לויב פארן באשעפער אפילו אויף די שווערקייטען אזוי ווי ממש ער לויבט אויף די חסד, ווייל באמת איז דאס אויך חסד, און דורך דעם ווערט עס אויך אין הימעל איבערגעדרייט צו חסד.

ג. אזוי ווי מיר זאגען 'אשרי' יושבי ביתך [געלויבט די וואס וואוינען אין דיין הויז].

ד. דאס מיינט **מֵאָשֵׁר** אז ער לויבט – **שְׁמֵנָה** אויף זיין 'נשמה'.

ה. און דאס איז פשט **שְׁמֵנָה לַחְמוֹ** וואס דאס ווארט 'שמנה' קען אויך טייטשען פארוויסט, דאס מיינט ער לויבט אפילו זיין נשמה איז פארוויסט.

כך כותב הבית יוסף הלכות ראש השנה, **נודרין לעילוי נשמת הצדיקים כי הם ממליצים על צאצאיהם**, דער בת עין האט נישט איבערגלאזט קיין קינדער אבער מיט אייער שטיצע קויפט איר אייך אים איין אלץ א מליץ יושר.

**נעמט א חלק אין הפצת הגליון און זייט מנדב לעילוי נשמת אייערע קרובים און נאנטע**
פאר הערות און מנדב זיין נא לפנות Mechonusa@gmail.com

נתנדב לע"נ
**הרה"ק מריבניץ**
רבינו **חיים זאנוויל** ב"ר **משה** זי"ע
זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן

שבוע זה נתנדב
לזכות הרה"ח ר' **יוסף מנחם** בן **רבקה**
וזוגתו מרת **ריבה** בת **רייזל מלכה** שתחי'
ולזכות יוצאי חלציו
להצלחה בכל העניינים. אמן כן יהי רצון